# פרשת שמות ט"ו – כ"א טבת תשע"ט לפ"ק

*יום ראשון פרשת שמות*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של מרת ראזענטאהל ע"ה (אלמנת הר"ר חיים ראזענטאהל ע"ה), שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי, והשמיע דברי הספד.

*וזה תוכן הדברים:*

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען אפצוגעבן דעם כבוד האחרון פאר א חשוב'ע נפטרת, וואס האט אסאך יארן געדאווענט דא אין בית המדרש. זי איז געווען א אשה חשובה, מיט אירע מדות און אירע מעשים טובים. זי האט אויפגעשטעלט שיינע יודישע דורות וואס זי האט מחנך געווען. עס לאזט זיך אויס דער דור פון אמאל, עס איז נישט משיג צו זיין וואס די יודען זענען אדורכגעגאנגען יונגערהייט. עס האט אויסגעבראכן א קריג, מען האט פארלוירן עלטערן, משפחות, און מען איז געבליבן אליין. און מען איז ארויסגעקומען אהער, און מען האט געדארפט אנהייבן פריש אויפצושטעלן יודישקייט, די נסיונות זענען געווען זייער גרויס, אז מען זאל קענען פארפאלן ווערן. און מען האט זיך געהאלטן מיט דאס יודישקייט און ערליכקייט וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, און מען האט נישט מוותר געווען אויף א קוצו של יוד, אויפצושטעלן א שטוב וואס זאל פאסן צו די עלטערן וואס זענען געווען פון פריער. מען האט נישט געהאט קיין טינא שבלב אויף די שוועריקייטן וואס מען איז אדורכגעגאנגען, מען האט אלעס מקבל געווען באהבה, מיט א ליבשאפט צום אייבערשטען.

**מען** געפונט ביי שרה אמנו, די תורה הק' (בראשית כג-א) זאגט, אז שרה האט געלעבט מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, שני חיי שרה. און רש"י זאגט, כולן שוין לטובה, אלע אירע יארן זענען געווען אייניג גוט. און די מפרשים שטעלן זיך, מען ווייסט אז שרה האט ביז די ניינציג יאר נישט געהאט קיין קינדער, און שפעטער איז זי אדורכגעגאנגען מיט ישמעאל, וואס זי האט געזאגט פאר אברהם אבינו, גרש האמה הזאת ואת בנה, כי לא ירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק (שם כא-י), און נאכדעם זאגט מען, אז אלע יארן זענען געווען ביי איר גוטע יארן?

**דער** פשט דערפון איז, כולן שוין לטובה, ביי איר איז אלע יארן געווען די זעלבע, ווייל זי האט אלעס מקבל געווען לטובה. **ווען א יוד איז א אמת'דיגער מאמין אינעם אייבערשטן, ווייסט ער, אז וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט.** - און אזוי האבן די יודען געלעבט, מען האט אויפגעשטעלט נייע שטובער, און וואס דער אייבערשטער האט מזמין געווען, האט מען אלעס מקבל געווען מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט. און וועגן די מסירת נפש וואס זיי האבן געהאט, האבן זיי זוכה געווען, אז זיי האבן אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע שטובער.

**די** פאריגע וואך אין די הפטורה (מלכים א ב-א) איז דא די לעצטע ווערטער וואס דוד המלך האט איבערגעלאזט צוואה פאר זיין זון שלמה המלך. און ער האט אים געזאגט, אנכי הולך בדרך כל הארץ, איך גיי אין דעם וועג וואס די גאנצע וועלט גייט, וואס דאס מיינט דער יום המיתה. וחזקת והיית לאיש, דו זאלסט זיך מחזק זיין, און דו זאלסט זיין א מענטש. עס קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען ווייסט אז ווילאנג מען איז אויף די וועלט, קען א יוד אויפטון. ווען א מענטש קומט אראפ אויף דעם עולם, קומט ער אראפ מיט א תפקיד. יעדער האט זיך זיין תפקיד, וואס ער דארף אויפצוטון אין תורה און מצות ומעשים טובים. יעדן טאג דארף א יוד שטייגען און גיין פון איין מדריגה צו נאך א העכערע מדריגה, און אנפילן דעם טאג מיט מצות און מעשים טובים. אבער די זכיה האט מען נאר, ווילאנג מען לעבט. ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, קען מען גארנישט צוגעבן. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.).

**עס** שטייט אבער אין הייליגע ספרים, אז ווען מען לאזט איבער ערליכע דורות, מען לאזט איבער קינדער, שטעלט זיך נישט אפ די ארבעט וואס מען האט געטון, עס בלייבט אויף שפעטער אויך. און אפילו ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, קומען יעדן טאג צו, פרישע מצות און מעשים טובים, פון די קינדער און די אייניקלעך און די אור אייניקלעך, וואס זיי דינען דעם אייבערשטען. אפילו מען איז שוין נישט אויף די וועלט, מען קען נישט אליין טון, ווערט נאך אלץ גערעכנט ווי מען דינט דעם אייבערשטען.

**א** מענטש אויף די וועלט איז א הולך, ער דארף יעדן טאג גיין און שטייגען פון איין מדריגה צו די אנדערע מדריגה. ווען מען קומט אן אויף יענע וועלט, ווערט מען א עומד, עס האט זיך אפגעשטעלט, מען קען שוין מער נישט טון. אבער אז מען לאזט איבער ערליכע קינדער, קען מען זיין א הולך שפעטער אויך. ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה (זכריה ג-ז), אפילו צווישן די עומדים, קען מען זיין א הולך. אבער דאס ווענדט זיך אין די מעשים פון די קינדער. אז מען גייט אין די וועגן וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, דעמאלטס קענען די עלטערן זיין א הולך, אפילו מען איז אויף יענע וועלט. האט דוד המלך געזאגט פאר זיין זון שלמה, מיין לעבן ענדיגט זיך, איך גיי אוועק פון די וועלט, עס וועט זיך אפשטעלן מיין תורה און עבודת ה', איך וועל ווערן א עומד. אבער טאמער וחזקת והיית לאיש, אויב דו וועסט זיך מחזק זיין, דו וועסט זיין א איש, איז אנכי 'הולך' בדרך כל הארץ, וועל איך בלייבן א הולך שפעטער אויך.

**די** חשובע נפטרת האט איבערגעלאזט אזעלכע חשובע קינדער איינס ביי איינס, שומרי תורה ומצות, מדקדקין בקלה כבחמורה. צענדליגער אייניקלעך וואס זיצען און לערנען און זענען עוסקים בתורה, דאס איז א בחינה פון א הולך, וואס עס בלייבט אויף שפעטער אויך. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די נפטרת זאל האבן א עליה, די נשמה זאל אנקומען אויפן ריכטיגען מקום. זי האט אסאך זכותים, זי האט אסאך מחזיק געווען דעם טאטנ'ס ז"ל שטוב, צוזאמען מיט איר מאן. זי איז געווען א אשה כשרה, וואס איז עושה רצון בעלה, זיך אוועקגעגעבן פאר די שטוב אזוי ווי א אשה כשרה דארף זיך אוועקצוגעבן. זי קומט ארויף אויבן, זאל זי זיין א מליצת יושר פאר די גאנצע משפחה, פאר די קינדער און די אייניקלעך, און פאר אלע גוטע פריינט. עס זאל שוין מקוים ווערן, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

*

אחר הלויה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **נפתלי בלומענפעלד** שליט"א (מנהל ישיבה גדולה דסאטמאר וומסב"ג), *שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.*

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** דער טאטע האט אונז נאכגעזאגט אפאר מאל, אז דער רב האט געזאגט ביי די הספד אויף **הרב וואזנער זצ"ל** (בעצרת הספד ככלות השבעה בב"פ, ובדרשת ז' אדר תשע"ו לפ"ק), אז דער רב איז אמאל געווען ביי **הרב וואזנער זצ"ל**, און הרב וואזנער האט געפרעגט דעם רב ווי אלט דער רב איז, און ער האט געזאגט, אז דאס איז די שענסטע יארן פון א תלמיד חכם.

**רבינו:** פאר מיר אליין איז עס געווען דעמאלטס א שטארקע חיזוק. א אלטער יוד זאגט עס, וואס ער איז דאס שוין אדורכגעגאנגען[א].

**א' האבלים:** דער רב האט דעמאלטס אויך נאכגעזאגט, פארוואס עס איז נישט געבליבן פון די אשכנז'ישע יודען.

**הרה"ג רבי נפתלי:** מיין טאטע איז געווען א אויבערלענדער יוד, און ער האט זיך ארייגעשטעלט אונטער סאטמאר, ער האט געשיקט די קינדער קיין סאטמאר. ער האט נישט געזען קיין עתידות אין אויבערלאנד.

**רבינו:** ער האט מיר געזאגט אז צוויי זאכן איז געווען ביי די אשכנזישע יודען. איינס, אז זיי האבן געהאלטן פון תורה ומלאכה, מען דארף טאקע לערנען אבער מען דארף טון עפעס אנדערש אויך. און דאס האט די ליטווישע וועלט נישט גורס געווען. די צווייטע זאך איז געווען, אז אין חיצוניות דארף מען זיך נישט טוישן, עס איז גענוג די פנימיות, און דאס האט די חסידישע וועלט נישט גורס געווען, זענען זיי ארויסגעפאלען פוןביידע. און פאר אייך זאג איך, האט ער געזאגט, ווייל מען איז נישט נזהר געווען אין גיין אין מקוה[ב].

---

[א] וכה דברי **רבינו שליט"א** בעצרת הספד ככלות השבעה, יום ה' פרשת תז"מ תשע"ה לפ"ק: זה לפני שנתיים או שלש הייתי פעם אצלו, ובתוך הדברים הפסיק ושאל אותי, בן כמה שנים אנכי, והשבתי לו. ואמר לי אני רוצה לומר לכם דבר אחת, תדעו שהשנים הללו הם השנים היותר נאים אצל תלמיד חכם. הן בימי הנעורים יש טירדות שונות בפרנסה וגידול בני הבית, ונסיונות רבות בעבודת ה'. אבל כשמגיעים לשנים הללו, אין עוד טירדות בני הבית, גם הנסיונות חלושות, והבלבולים מועטים, והרי ראשו מלא תורה בהבנה יתירה יותר, ועבודתו לה' מזוככת יותר, ואין לתלמיד חכם תקופה נאה יותר בחייו מימים אלו. והיתה שמיעת הדברים הללו אז כמים קרים על נפש עייפה, והיה לי אז חיזוק גדול בזה. והוא עצמו זכה לזה במדה יתירה רבות בשנים בזקנותו.

[ב] וכה דברי **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר תשע"ו לפ"ק: שאלתי אותו פעם, הלא אנשי קהלות אשכנז היו יראים ושלמים ותמימים להפליא, למה לא נמשך זאת אחר כך גם להלאה ביוצאי חלציהם,

**הגר"נ:** מיין טאטע איז אויפגעוואקסען ביי **הרב וואזנער**, ער איז געווען פון זיינע נאנטסטע מענטשן.

**רבינו:** עס האט זיך אויסגעלאזט די פריערדיגע.

**הגר"נ:** מיין טאטע האט געלערנט אין פרעשבורג אין אזא ישיבה קטנה, עס האט געהייסען 'יסודי התורה'. ער האט געוואוינט אין מאגענדארף, אין די געגנט פון פרעשבורג, דער **קאשויער רב** (הגר"ש בראך) **זצ"ל**, און דער **גאלאנטער רב זצ"ל**, זענען געווען דארט רב. **רבי עקיבא סופר זצ"ל** איז אמאל געווען זומער אין בני ברק זיך אפרוען, איז מיין טאטע אריין צו אים. האט ער אים געפרעגט וואו ער האט געלערנט, האט ער געזאגט אין יסודי התורה, האט ער אים געפרעגט, וואו זענט איר היינט. האט ער געזאגט אז ער דרייט זיך אין סאטמאר, און ער האט געשיקט די קינדער אויף סאטמאר. האט ער אים געזאגט, זייער גוט. אינדערהיים זענען די יודען מיט א שפיץ בארד און קליינע פאות, געווען שטארקע יראי שמים, אבער היינט אפילו מיט א לאנגע בארד מיט לאנגע פאות, איז כולי האי ואולי.

*

בשעות אחר הצהרים הגיעו הרב **דוד הופשטאטער** שליט"א נשיא הארגון העולמי 'דרשו', וחברי הנהלת הארגון, לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר דוד:** א יישר כח פארן רב, פאר די חיזוק די אלע יארן, און פאר די אסיפות. און יעצט בעזרת ה' גייט מען מסיים זיין חלק ג' פון משנה ברורה.

---

ולא זכו שישאר ציורו ותוארו אחר המלחמה. והשיב לי, אני אסביר לכם, שני גורמים היו לזה. חדא, כי שיטתם היתה העיקר על העבודה שבלב, להיות ירא וחרד את ה' בכל דבר. אבל בלבוש החיצוני הקפידו שלא להיות בולט מאנשי המדינה. ולכן לא רצו ללבוש שטריימל בשבת. ובניהם אחריהם שנתקרבו לחסידות בחרו ההיפוך, כי רק השינוי החיצוני במלבושי יהדות, יהיה לחומה שלא יתערבו בין העמים. שנית, כי שיטתם היה טוב תורה עם דרך ארץ, שאין להשאר באהלה של תורה רק יחידי סגולה, והשאר צריכין לצאת ללמוד אומנות וחכמות חיצוניות, ובניהם שלמדו בישיבות של ליטא, נתעודדו להמשיך באהלה של תורה כל זמן שיכולים, ולכן נעשו קרח מכאן וקרח מכאן ונתמעטה והלכה קהלתם. וסיים ואמר, עוד אני אומר לכם, מפני שלא הקפידו על טהרת הטבילה, ורק יראת ה' טהורה עומדת לעד, ולא כאשר חסר הטהרה.

**רבינו:** עס ליגט מיר דא אויפן טיש. איך לערן יעצט הלכות שבת. איר האט א גרויסן זכות. איר האט געוויזען דעם וועג פאר אלע, אז מען קען עס מאכן. די אלע נייע זאכן וואס איז ארויסגעקומען, עמוד יומי וכדומה, און אז די יונגעלייט זאלן נעמען בחינות, איז אלעס אייך צו פארדאנקען.

**הר"ר דוד:** אבער מען דארף גרויס סייעתא דשמיא, און ברכות און חיזוק. און דער עולם דארף חיזוק.

**רבינו:** ב"ה מען טוט אויף.

**הר"ר דוד:** עס איז דברים העומדים ברומו של עולם, ובני אדם מזלזלין בהם, און יעדער דארף שטענדיג חיזוק מיט ברכות.

**רבינו:** דברים העומדים ברומו של עולם איז עס, אבער בני אדם מזלזלין בהם איז עס נישט. מען איז נישט מזלזל, מען איז עס מחשיב. מען זיצט און מען לערנט. מיינע אייגענע קינדער האבן ב"ה מסיים געווען מיט 'דרשו'.

**הר"ר אהרן גאביוף** (חבר הנהלת הארגון): די אייניקלעך לערנען אויך מיט.

**הר"ר דוד:** אבער משנה ברורה חלק ד', הלכות עירובין, איז שוין שווערער. אפשר האט דער רב א עצה אדער א מהלך, פאר די לימוד פון הל' עירובין?

**רבינו:** אז מען האט געקענט לערנען מסכת עירובין, קען מען לערנען שלחן ערוך אויך. ובפרט די וואס האבן שוין געלערנט מסכת עירובין, קענען עס אוודאי לערנען. - דער חלק איז מן הסתם די שווערסטע פון גאנץ אורח חיים.

**הר"ר יואל פייערווערקער** (משב"ק): דער רב האט אמאל געזאגט, אז ווען ער האט פארגעלערנט מסכת עירובין פאר בעלי בתים (בבית המדרש סאמבאטהעלי), און עס נאכנישט געווען קיין בילדער, פלעגט דער רב ברענגען לעגא"ס, און אויסגעשטעלט א מבוי מיט חצירות, אז מען זאל פארשטיין דאס לערנען[ג].

---

[ג] מתוך דברות קודש בסיום מסכת שבת והתחלת מסכת עירובין במסגרת חבורת 'ובהם נהגה' דקהלתנו הק', יום ה' פרשת שופטים תשע"ו לפ"ק: מען גייט אריבער צו מסכת עירובין, עס איז נישט א גרינגע מסכתא, עס איז גאנץ א שווערליכע מסכתא. אזוי איז עס געווען אמאל, אבער היינט איז עס אויך א גרינגע מסכתא. מיט די מפרשים וואס איז דא היינט, מיט די בילדער וואס איז דא היינט אויף יעדע זאך, קען אפילו א בעל הבית אדורכגיין מסכת עירובין, און ער זאל עס גוט קענען בכל פרטיה ודקדוקיה. איך דערמאן זיך צוריק, ווען איך בין געווען א יונגערמאן, און איך האב פארגעלערנט א שיעור אין מסכת עירובין אין בית המדרש [סאמבאטהעלי]. עס איז נאר געווען

**זיי זאגן אז דער חתם סופר האט אזוי געלערנט מיט די תלמידים, כדי ממחיש צו זיין פאר די תלמידים.**

**רבינו: יעצט איז דא א שבת.**

**הר"ר דוד: פרשת בא.**

**הר"ר אהרן גאביוף: דער רב איז אמאל געקומען מוצאי שבת[ד].**

דעמאלטס איין ספר, פריו בעתו אויף רש"י, דאס איז געווען די איינציגסטע ספר אויף מסכת עירובין, און אויך מיט א אריכות וכדומה, און נישט אייביג האט מען זיך געקענט אזוי גוט באנוצן דערמיט. און מען האט געדארפט מסביר זיין פאר די בעלי בתים די גמרא, און עס איז געגאנגען בכבדות, עס איז געגאנגען זייער שווער. ביז איך בין אויפגעקומען, אז פאר א יעדע שיעור, האב איך גענומען בלאק"ס, און איך האב צוזאמגעשטעלט אזוי ווי לעגא"ס די בילד פון די גמרא וואס מען דארף לערנען די וואך. און יעדעס מאל וואס איך האב פארגעלערנט דעם שיעור, האב איך אראפגעלייגט אויפן טיש די בלאק"ס, און איך האב עס צוזאמגעשטעלט, אז מען זאל וויסען פון וואס מען רעדט. דאס איז שוין אויך היסטאריע, דאס דארף מען שוין אויך נישט היינט. היינט האט מען די גמרא און די בילדער אויפן פלאץ, און אנדערע ספרים וואס איז דא. און די מפרשים זענען אזוי שיין מסביר יעדע זאך, עס איז אזא שיינע מקצוע אז מען לערנט עס. עס איז א געוואלדיגע שמחה, ארויסצוגיין פון די מסכתא, און אריינגיין און מקבל זיין אויף זיך די צווייטע מסכתא.

[ד] נצטט כמה קטעים מתוך דברות קודש שהשמיע **רבינו שליט"א** בסיום הש"ס על ידי חבורת **'דרשו'**, מוצש"ק פרשת חיי שרה תשע"ג לפ"ק, בהילטאן האטעל ניו דזשערסי, וזה לשונו: עס איז ביי מיר א גרויס כבוד צו באגריסן אזא חשוב'ען ציבור, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דעם שבת, און די וואס זענען צוגעקומען מוצאי שבת. איך שפיר אז איך רעד יעצט, צו די עידית וואס איז דא אינעם כלל ישראל. יונגעלייט, תלמידי חכמים, וואס האבן אוועקגעגעבן זייערע יארן אויף אדורכצולערנען ש"ס, און די אנדערע חלקים פון **'דרשו'**. עס איז באמת א שמחה פארן גאנצן כלל ישראל, אז ב"ה שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען האט געקענט אדורכלערנען, און מסיים זיין, און נישט נאכלאזן אינדערמיט, איז עס א געוואלדיגער זכות פארן כלל ישראל.

מען קען זיך נישט פארשטעלן וויפיל פלאג עס גייט אריין פאר יונגעלייט, אז זיי זאלן עס קענען אדורכגיין. מען דארף וויסן דאס צו שעצן, מיט וויפיל פלאג עס קומט אן, אז מען זאל זיך קענען פארהערן יעדן חודש. יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, ווערט אוועקגעגעבן איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. עס איז תורה וואס ווערט געלערנט מיט אסאך יגיעה, אז מען זאל קענען צוקומען גומר צו זיין, דאס האט פאר זיך א עקסטערע חשיבות. מען דארף האבן אסאך עקשנות אין זיך, נישט נאכצולאזן, נאך א חודש, נאך א חודש. און ב"ה אז עס איז אדורכגעגאנגען נאך א יאר, און נאך א יאר, און מען האט גומר געווען, קומט זיך א געוואלדיגע קרעדי"ט פאר די אלע וואס האבן געהאט א חלק דערין.

*

איך פארשטיי אז עס איז דא א גרויס חלק פונעם ציבור, וואס האט נישט מיטגעלערנט מיט 'דרשו' ביז יעצט, אבער זיי האבן אנגעהויבן יעצט מיטן נייעם מחזור. און איך וויל זיי מחזק זיין, און מעודד זיין, נישט נאכצולאזן אינדערמיט, ווען עס קומט אן שווער. עס קומט באלד מסכת עירובין, שווערע פרקים, מען זאל נישט נאכלאזן פון דעם וואס מען האט געלערנט. נאר אדרבה מען דארף זיך פרייען אז מען קען האבן אזא מסגרת, אז מען זאל קענען זוכה זיין מסיים צו זיין גאנץ ש"ס.

אז מען האט זוכה געווען אדורכצולערנען ש"ס, מיינט דאס צו זאגן, אז דאס איז א יונגערמאן וואס איז מוכשר אויסצוואקסען א גדול בישראל פארן צוקונפדיגען דור. ער האט אין זיך כלים וואס ער איז מוכשר אז ער זאל אויסוואקסען א גדול בישראל. ווייל מען קען נישט קענען ש"ס ווען מען האט נישט די כלים וואס ער איז מוכשר דערצו. און דאס פארלאנגט זיך פון די בני תורה, נישט נאכלאזן פון זייער תורה. מען האט נישט געענדיגט מיט 'דרשו', 'דרשו' האט נאך אסאך פראגראמען וואס מען דארף צו לערנען, אויסער דאס איבערחזר'ן וואס מען האט געלערנט ביז יעצט. מען דארף גיין ווייטער, זיך אריינלייגען אין עולם התורה, נישט ארויסגיין אויף די גאס, נישט זוכן גליקן אין די גשמיות'דיגע וועלט. אז מען האט זוכה געווען אזויפיל צו שטייגן אין תורה, דארף מען דאס אויסנוצן ווייטער פאר כבוד התורה.

א יונגערמאן האט מיר פארציילט, אז זיין פאטער האט אים אויסגעהאלטן אין כולל צען יאר. נאך צען יאר האט ער אמאל געזאגט פארן פאטער, אז ער טראכט ארויסצוגיין פונעם כולל, און אנהייבען עוסק צו זיין אין מסחר. פרעגט אים דער פאטער, פארוואס פאלט דיר איין ארויסצוגיין פון כולל, און עוסק זיין אין מסחר? עס פעלט דיר דען פרנסה? איך גיב דיר דאך וואס דו דארפסט האבן. זאגט אים דער זון, 'אבער א מיליאנער קען מען פון דעם נישט ווערן'. האט אים דער טאטע געזאגט, 'אויף דעם האב איך דיך אויסגעהאלטן צען יאר, אז דו זאלסט זיצען און לערנען, אז נאכדעם זאל איך קענען פון דיר הערן אזעלכע ווערטער, אז פון דעם מען קען נישט ווערן א מיליאנער?! איז דען די תורה נישט מער ווערט פון א מיליאן דאלער? אויף דעם ביזטו געזעסן און געלערנט צען יאר, אז נאכדעם זאלסטו מיר קענען זאגן אז א מיליאן דאלער איז מער ווערט פון תורה?!

די וואס האבן זוכה געווען און זיי האבן מסיים געווען מיט די חבורה פון 'דרשו', זענען מוכשרים אויסצוואקסען גדולי ישראל. זיי טארן נישט ארויסגיין פון עולם התורה! זיי דארפן זיך נאך מער אריינווארפען אין תורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות, און אויסוואקסן מורה הוראות בישראל. תורה איז נישט גענוג אז מען לערנט פאר זיך, מען דארף זיך אריינלייגען אין 'ללמד', אנהייבן צו געבן שיעורים, זוכן פלעצער וואו מען קען מרביץ תורה זיין. שיעורים פאר בעלי בתים, שיעורים פאר בחורים. דאס איז דער פליכט פון א יונגערמאן וואס איז צוגעקומען ביז דא, און ער האט מסיים געווען, צו גיין פון דא ווייטער. דאס איז א סולם וואס איז מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה.

*

איך האב געוואלט צוגעבן נאך א פאר ווערטער, פאר די עזרת נשים, פאר די נשים שאננות, וואס זיי האבן א גרויס חלק אין דעם וואס זייערע מענער, די יונגעלייט, זענען אויסגעוואקסן, און זיי האבן מיטגעהאלטן די פראגראם פון 'דרשו'. מען האט נישט קיין השגה ווי שווער עס איז פאר א יונג ווייבל אינדערהיים, א שטוב מיט קינדער, וואס מען דארף האבן די הילף פונעם מאן אין שטוב שטענדיג, און דער מאן קומט אהיים, און ער זאגט, איך האב נישט קיין צייט, איך מוז ענדיגען, איך האב נישט גע'ענדיגט מיין סדר. זונטאג איז דא א בחינה, און איך בין נישט גרייט, איך האב נישט צייט פאר דיר, נישט שבת און נישט מוצאי שבת, אז איך זאל דיר קענען העלפן. בעביסיטינ"ג איז נישט פאר מיר, איך מוז אין די צייט לערנען. וויפיל מסירת נפש איז דאס פון זיי, וואס זיי טוען צוהעלפן פאר די מענער, אז זיי זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים.

אבער זייער שכר איז זייער גרויס. די גמרא (ברכות יז.) זאגט, אז דער שכר וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר די נשים, שטייט העכער פון דעם שכר וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר די אנשים. זיי האבן די זכות פון דעם וואס זיי שטעלן אויף תלמידי חכמים, וואס חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), זיי באקומען אויך א חלק אין די עבודה. אבער זיי זאלן וויסן, אז עס וועט זיי זייער שיין באצאלט ווערן אוך אויף די וועלט, נישט נאר אין עולם הבא. אז מען האט א מאן א תלמיד חכם, איז די שטוב א אנדערע שטוב, דאס איידלקייט וואס איז דא אינעם שטוב, די שלום בית וואס איז דא אינעם שטוב, איז אינו דומה ביי א שטוב פון תורה, ווי ביי א פשוטע שטוב. דאס איידלקייט, און די פיינקייט, און די מדות טובות, וואס תורה לייגט אריין אין א מענטש, דאס טוט אויפהייבן דאס גאנצע שטוב. און עס וועלן ארויסקומען פון אזא שטוב קינדער תלמידי חכמים, וואס זעהן שטענדיג וואו דער טאטע איז נאר פארנומען מיט לימוד התורה, זיי זעהן ווי אזוי די מאמע שעצט תורה, דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער באצאלט

**הר"ר דוד:** און נאכדעם גרייט מען זיך אי"ה צו די גרויסע 'דרשו' וועלט סיום, וואס וועט זיין בעזרת ה' אין ארץ ישראל אויף צוויי פלעצער, ב"ה דער עולם וואקסט. און דא אין אמעריקא וועט זיין אין פעדענטע"ל סענטער אין ניו ווארק.

**רבינו:** עס איז דא אין דעם צוואנציג טויזנט פלעצער?!

**הר"ר דוד:** יא, עס איז נישט פשוט. ב"ה עס איז דא א גרויסער עולם אין אמעריקא. אויך וועט זיין אין ענגלאנד, און פראנקרייך, און סאוט אפריקא.

**רבינו:** וויפיל איז די בודזשעט פון 'דרשו'?

**הר"ר דוד:** אין הברכה שורה אלא על דבר הסמוי מן העין. איך קען נישט אפילו טראכטען דערפון.

**רבינו:** שווערע מיליאנען...

---

זיי אויף די וועלט. ווען עס איז אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, ווען זי איז די ריכטיגע אשת חיל, זי טוט צוהעלפן פארן מאן צו קענען לערנען, ווערט עס באצאלט פאר איר אין די שטוב אליין, מיט נחת וואס מען זעהט ביי קינדער, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך (תהלים קכח-ג), קינדער וואס ווערן ערצויגן מיט איידלקייט, און מדות טובות. זייער זכות איז זייער גרויס, און זיי דארפן דאס ממשיך זיין, פארלאנגן פון די מענער, זיי זאלן אויך מיטהאלטן די אנדערע קנינים פון 'דרשו', איבערצו'חזר'ן, און נאכאמאל איבערגיין וואס מען האט געלערנט. ווייל דאס איז די זכות פון א אשת חיל, אז זי טוט צוהעלפן פארן מאן אז ער זאל קענען זיצן און לערנען.

*

איך וועל מסיים זיין מיט א ברכה פאר רבי דוד זאל זיין געזונט, וואס איז דער נשיא פון דעם געדאנק פון 'דרשו', בכח ובממון, און אלעס וואס ער גיט זיך אוועק פאר דעם. דער אייבערשטער האט געהאלפן פאר רבי דוד זאל זיין געזונט, וואס ער איז נישט נאר א יששכר פאר זיך אליין, וואס ער זיצט און לערנט, און ער גיט ארויס ספרים, און ער לעבט אין תורה, נאר ער איז א יששכר מיט א זבולון ביידע צוזאמען, און עס איז חלק כחלק יאכלו, ער באקומט א חלק אין די אלע מצות און מעשים טובים, און אין די לימוד התורה וואס קומט ארויס פון די שטובער וואס זענען אויסגעבויט אין תורה. וויל איך אים וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך לאנגע געזונטע יארן להגדיל תורה ולהאדירה. דער באשעפער זאל געבן, אז חפץ ה' בידכם יצליח, מען זאל זיך נישט אפשטעלן דא, נאר עס זאל זיין מוסיף והולך, עס זאל נתרבה ווערן די וועלט פון תורה הק', עס זאלן צוקומען כהנה וכהנה צו 'דרשו', וואס וועלן קיינמאל נישט חרטה האבן פון דעם וואס זיי וועלן אריינגיין אין דעם פראגראם, און ביי די קומענדיגע מחזור וועלן זיי אויך זיין פון די וואס האבן געענדיגט און מיטגעהאלטן.

**הר"ר דוד:** יעדע יאר שווערע מיליאנען. די בודזשעט פון 'דרשו' איז אפשר די גרעסטע אין די גאנצע וועלט, פון די יודישע מוסדות. ווייל די אנדערע נעמען שכר לימוד, און מען באקומט פון די גאווערמענ"ט, אבער 'דרשו' האט גארנישט.

**רבינו:** אוכל ואינו עושה.

**הר"ר דוד:** עס איז מבהיל ער הרעיון. אבער מען לעבט מיט סייעתא דשמיא.

**רבינו:** עס איז דא א גרויסער עולם ביי אונז אין די קהלה וואס האלט מיט 'דרשו'.

איך האב נאר איין קשיא, אז דא שטייט דרשו ה' ועוזו, און עס איז גארנישט אזוי עיז"י[ה].

**הר"ר דוד:** תורה איז נקנית ביסורין. דער סקווירא דיין האט געזאגט, אז 'דרשו' מאכט עס עיז"י.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און עס זאל גרינג אנקומען.

**הר"ר דוד:** דער רב זאל געבן א ברכה פאר די סיומים, און פאר די תלמידים.

**רבינו:** עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה, מען זאל קענען אויפטון, מרבה זיין תורה וטהרה בישראל. אין לנו שיור רק התורה הזאת, פון אלעם איז נישט געבליבן נאר די תורה. אין הגליות מתכנסות אלא בזכות משניות, שנאמר (הושע ח-י) גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם (ויק"ר ז-ג).

**הר"ר דוד:** א ברכה פאר די קינדער און די משפחה.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן אז מען זאל האבן אסאך ברכה און הצלחה ביי די קינדער און די אייניקלעך. מען דארף האבן גשמיות, כדי מען זאל קענען מחזק זיין די רוחניות. עס זאל זיין אסאך ברכה און הצלחה און נשיאת חן אין וואס מען טוט.

**רבינו שליט"א כתב לו מזכרת ידידות בתוך שער ספרו 'שמן ראש', ובירכו בברכת הצלחה בכל פעולותיו.**

---

[ה] יצויין דברי **רבינו שליט"א** בדרשות פרקי אבות פרשת אחרי קדושים תשע"ב לפ"ק: זכורני בעת שהייתי בחור צעיר, והיו אז מערכות רבות לצורך חיזוק הדת בארץ ישראל, ופעם היה כינוס כללי לצורך חיזוק הדת באמעריקא, אשר נערכה על ידי **כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע**, וצוה להבחורים שישתתפו בה... ומונח בזכרוני שגם **הגה"צ מצעהלים זצ"ל** דרש אז, ועורר על שמירת מצות התורה, שאם יש רצון אמיתי אינו קשה כל כך להיות שומר תורה ומצות וכו'. ואמר בצחות לשונו, הכתוב (תהלים קה-ד) אומר דרשו ה' ועוזו, כי בשפה של ענגליש דבר קל נקרא 'איזי'. דרשו את ה', ועוז"ו, אינו קשה כל כך, אלא קל הוא.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ח סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** תורה פארציילט אז יעקב אבינו האט צוזאמגערופן די קינדער, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א), איך וועל ענק זאגן וואס עס וועט פאסירן פאר ענק אין די שפעטערדיגע טעג. און יעקב אבינו האט געזאגט פאר יעדן שבט אלע זיינע עתידות. וואו עס וועט זיין זייער נחלה אין ארץ ישראל, און אויף וועלכע פלאץ ער וועט זיין. און ער האט אויסגערעכנט די גרויסע לייט וואס וועלן ארויסקומען פון יעדן שבט. עס איז אביסל שווער די לשון אשר יקרא 'אתכם' באחרית הימים, וואס עס וועט 'ענק' פאסירן. עס האט נישט פאסירט ביי די שבטים, די שבטים זענען אלע אוועק אין מצרים. עס האט פאסירט ביי דעם שבט, ביי זייערע קינדער און אייניקלעך. פארוואס רופט ער עס אן אשר יקרא 'אתכם', וואס עס וועט ביי ענק פאסירן באחרית הימים.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז יעקב האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ הגאולה, ער האט געזעהן אלעס וואס וועט זיין ביז די גאולה. האט ער געזאגט, אז עס וועט זיין א געוואלדיגע קרירות, א קאלטקייט. א יוד האט אין זיך א נשמה, וואס איז א חלק אלו-ה ממעל (עיין **לקוטי אמרים תניא** פרק ב'), נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), יעדע יוד האט א ברען צו ערליכקייט, צו קדושה, וואס דאס איז דער ענין פארוואס א מענטש שאקעלט זיך ביים דאווענען. די פייער וואס איז דא אין אים, רוהט נישט (**זוה"ק** ח"ג ריח:). און יעקב אבינו האט זיי געזאגט, אז ווען עס וועט קומען באחרית הימים, וועט זיין א קרירות, עס וועט זיין א קאלטקייט, מען וועט נישט האבן קיין התלהבות צו עבודת ה'. מען וועט לערנען, מען וועט דאווענען, אבער עס וועט פעלן די ברען און די חיות וואס מען דארף האבן. 'יקרא' איז א לשון פון 'קר'. עס איז דא 'חם', און עס איז דא 'קר'. קאלטס און ווארימס. אשר יקרא אתכם באחרית הימים, מען וועט טאקע זיין וואוילע יודען, אבער עס וועט פעלן די ווארימקייט באחרית הימים.

**עס** שטייט אין **אור החיים הק'** (פ' ואתחנן) ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום (דברים ד-ד). זאגט דער **אור החיים הק'**, אז דעם אייבערשטענס נאמען טאר מען נישט אויסמעקן. אויב מען איז מוחק א שם, איז דא א לאו פון לא תעשון כן לה' אלקיכם (דברים יב-ד). עס איז דא אותיות וואס זענען מחובר צום שם, אמאל איז עס מחובר פאר דעם, ווי בה', לה', כה'. און אמאל איז עס מחובר נאכדעם, אלקיך, אלקיכם. זאגט דער **רמב"ם** (הל' יסודי התורה ב-ג) אז די אותיות וואס זענען דא פארן שם, וויבאלד ער איז נאך געשריבן געווארן פאר עס איז געווען געשריבן דעם אייבערשטענס נאמען, האט עס נישט אין זיך קיין קדושה. די בי"ת פון בה', מעג מען אויסמעקן, עס האט נישט אויף זיך א קדושה. אלקיכם, די כ"ף מיט די מ"ם, וואס איז דא נאכן שם, דאס טאר מען נישט אויסמעקן. שכבר קדשו ה', וויבאלד עס איז שוין געווען געשריבן דעם אייבערשטענס נאמען, און מען האט עס שפעטער צוגעשטעלט, ווערט עס א חלק פונעם אייבערשטענס נאמען, און מען טאר עס נישט אויסמעקן. קומט אויס, אז ביידע זענען דבוק צו אייבערשטען, דער ב' איז דבוק צום שם, און דער כ' מיטן מ' זענען אויך דבוק. אבער עס איז דא אמאל וואס ער איז דבוק און מען קען אים אויסמעקן, און אמאל איז דא א דביקות וואס מען קען עס נישט אויסמעקן. דאס וואס איז געשריבן פארדעם, דאס קען מען אויסמעקן, אבער דאס וואס איז געשריבן שפעטער, דאס קען מען נישט אויסמעקן, שכבר קדשו ה'.

**עס** איז דא א יוד וואס איז דבוק אינעם אייבערשטען, ער לערנט און ער דאווענט, ער טוט מצות און מעשים טובים, אבער דאס איז אלעס נאר, אז אין די צייט וואס ער טוט די מצוה, איז ער דבוק אין באשעפער. עס איז לא קדשו ה', ער בלייבט ווייטער מגושם אזוי ווי ער איז, ער איז נאר צוגעשטעלט געווארן צו תורה און מצות, אבער ער אליין איז נישט נתקדש געווארן. אמאל איז דא וואס קדשו ה', די דביקות פון אים איז אזוי ווי די כ"ף און די מ"ם, אז ער איז געווארן צוגעבינדען צום אייבערשטען. אשר קדשנו במצותיו, ער ווערט אליין אויך מקודש. דער אות ב' פונעם שם, קען מען אויסמעקן. היינט איז ער ביים שם, מארגען איז ער ערגעץ אנדערש. בשעת ער איז ביים אייבערשטען, איז ער דבוק אינעם אייבערשטען, אבער ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש, איז ער א אנדערער סארט יוד, ער איז נישט די זעלבע ווי ער איז געווען פריער. אבער די אות כ"ף און די מ"ם וואס זענען דבוק צום אייבערשטען, דאס איז א קדושה וואס בלייבט אויף שטענדיג, ער קען זיך נישט אפרייסן פונעם אייבערשטען. אפילו מען זאל נעמען די כ"ף און די מ"ם און מען זאל עס אפשניידען, און לייגען ערגעץ אנדערש, האט ער נאך אלץ די קדושת השם, און אזוי ווי מען דארף אכט געבן אויפן שם, דארף מען אכט געבן אויף דעם אויך. ווייל עס איז כבר קדשו ה', ער איז געווארן א דביקות צום אייבערשטען וואס בלייבט אויף שטענדיג.

**דער אור החיים הק'** טייטשט, ואתם הדבקים בה' 'אלקיכ"ם', עטץ זאלטס זיין דבוק אינעם אייבערשטען אזוי ווי דער אלקיכ"ם, אזוי ווי די כ"ף מיט די מ"ם, וואס איז דבוק צום אייבערשטען, און עס איז קדשו ה', אזוי דארף זיין די דביקות צווישן אונז און דעם אייבערשטען. דעמאלטס איז חיים כולכם היום, דאס איז טייטש אז מען לעבט, אז מען איז דבוק אינעם אייבערשטען אין אזא וועג, אז מען קען נישט אפטיילען די אותיות פונעם אייבערשטענס נאמען. די עבודה פון א יוד דארף צו זיין, אזוי ווי די אותיות כ' און מ'. **זיין דבוק צום אייבערשטען וואו מען איז, צו מען איז בית המדרש, צו מען איז אויפן גאס, פון דעסטוועגן דאך קען ער זיך נישט אפטיילן פונעם באשעפער. עס איז דער זעלבער באשעפער אינדערהיים, און עס איז דער זעלבער באשעפער ווען מען דרייט זיך צווישן גוים. שויתי ה' לנגדי תמיד, דער באשעפער איז איבראל, אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'** (ירמיה כג-כד), **עס איז נישט דא וואו מען קען אוועקגיין פונעם אייבערשטען. וואו דו ביסט, ביסטו דבוק צום באשעפער.**

**יעקב** אבינו האט געזאגט, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, 'אתכם' איז או"ת כ' מ'. אין די אותיות כ' מ', וואס א יוד דארף זיין דבוק אינעם אייבערשטען אין די בחינה פון אלקיכ"ם, דארט וועט זיין אשר יקרא אתכם, דארט וועט זיין די קרירות אינעם דור פון אחרית הימים. ער וועט זיין א וואוילער יוד אין בית המדרש, אבער ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, איז ער אסאך מאל נישט דער

זעלבער מענטש וואס ער איז געווען אינדערהיים. דאס איז טייטש אז עס איז דא א קרירות אין דעם דביקות וואס דארף זיין אין א יוד אזוי ווי אתכ"ם. האט יעקב אבינו געזאגט, אויף דעם איז די עצה אז **מען זאל זיך שטענדיג דרייען צווישן ערליכע יודען, האספו, מען זאל זיך צוזאם האלטן. און אז מען האט א גוטע סביבה, אז מען האט א גוטע חברותא, דאס גיט אכט אז מען זאל נישט ווערן אפגעקילט באחרית הימים. די קרירות וואס דער גלות ברענגט מיט, מיט זיך, און די אסיפה וואס מען וועט זיך צוזאמנעמען צוזאמען, דאס וועט העלפן אז מען זאל נישט ווערן אפגעקילט באחרית הימים.**

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **בערל בערקוי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מרדכי צבי קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי שאול שמחה פריעדמאן שליט"א** אב"ד שמן למנחה נאדפאלא (בן הגה"צ אב"ד טענקא שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי חיים יחיאל מיכל שפיגל שליט"א** אב"ד וועגגרוב, שהתקיים בבית המדרש קאלוב. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יעקב קליין** הי"ו.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ראזענטאהל שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר חיים ראזענטאהל ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של נכדו, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'), שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי, ונטל ידיו לסעודה. במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה, לאחל ברכת מזל טוב לבעלי השמחה ובראשם **כ"ק מרן רבינו שליט"א**.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בהיכל בית המדרש של הישיבה קטנה, יחד עם תלמידי ישיבתינו הק'. עם סיום התפלה התקיימה שמחת הברית מילה לנכד **רבינו שליט"א**, בן לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**.

הסב **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א** נתכבד בקוואטער וסנדקאות. **וכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. ויקרא שמו בישראל 'יהודא', על שם זקינו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת זצ"ל**. אחר הברית עברו כל הקהל לאחל ברכת מזל טוב לבעלי וראשי השמחה בעת שמחתם.

סעודת הברית התקיימה ברוב עם הדרת מלך, ובשירה וזמרה שבחו גאולים לרגל האי עידן חדוותא. – בהמשך הסעודה נשמעו דברים מאת אבי הבן **הרה"ג רבי ישעי' שליט"א**, ומאביו **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א**, ואחריהם השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

בברכת המזון נתכבד הסב **הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א**, ובאמירת 'הרחמן' הר"י **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. אחר ברכת המזון חילק **רבינו שליט"א** כוס של ברכה לכל קהל המשתתפים כנהוג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט אזעלכע שיינע דברי תורה פון מיין חשוב'ן איידעם, וואס איז מרביץ תורה פאר די תלמידים הגונים דא אין ישיבה. מען האט געהערט חשובע דברי תורה פונעם מחותן זאל זיין געזונט, וואס האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון

זיצן אין ישיבה און לערנען תורה. און ווי אזוי מען דארף שטייגען מחול אל קודש, ומקודש אויף קודש קדשים. עס איז געווען דברים היוצאים מן הלב, וואס איז נכנסים אל הלב. וויל איך קודם וואונטשען אז דער חשובער אבי הבן זאל קענען מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים. דער חשובער מחותן זאל זעהן אסאך תענוג ונחת דקדושה ביי דעם אייניקל און ביי אלע אייניקלעך, מתוך שמחה וטוב לבב.

**מען** לערנט דאך חומש רש"י, ווייסט יעדער איינער אז אין סוף פון די פרשה די וואך, איז דא א שייכות צו מצות מילה. משה רבינו איז נישט געווען אין מצרים, ער איז געווען אין מדין, און דער אייבערשטער האט געשיקט משה רבינו אויף מצרים, אז ער זאל גיין אויסלייזן יודען פון מצרים. משה רבינו האט געהאט צוויי קינדער, גרשום מיט אליעזר. אליעזר איז דעמאלטס געבוירן, און מען האט נאך געהאלטן פארן ברית, און ער איז געגאנגען קיין מצרים אויסלייזן יודען. ויהי בדרך במלון, אונטערוועגענס ווען מען איז געווען אין א גאסט הויז, ויפגשהו ה' ויבקש המיתו, דער אייבערשטער האט געוואלט הרג'ענען משה רבינו. עס איז דא א מחלוקת אין די גמרא (נדרים לב.) צו עס גייט ארויף אויף משה רבינו, צו עס גייט ארויף אויפן קינד. עס איז געקומען א נחש וואס האט איינגעשלינגען משה רבינו מראשו ועד יריכיו, און נאכדעם מרגליו ועד אותו מקום (שמו"ר ה-ח), האט צפורה פארשטאנען אז דאס איז ווייל מען האט נישט גע'מל'ט דאס קינד. ותקח צפורה צור, האט זי גענומען א שטיין, ותכרת את ערלת בנה, און זי האט אפגעשניטען די ערלה פונעם קינד, ותגע לרגליו, און זי האט גענומען די ערלה, און זי האט עס געווארפען צו די פוס פון משה רבינו (ירושלמי נדרים ג-ט). ותאמר, און זי האט געזאגט, כי חתן דמים אתה לי (שמות ד-כד). רש"י טייטשט, אז זי האט געזאגט אויפן קינד, אז דו וואלסט ווען גורם געווען, אז דורך דיר זאל מיין מאן גע'הרג'ט ווערן. דאס איז טייטש, אז משה רבינו האט געהאט אויף זיך א חיוב פון מילה, ער האט געדארפט מל'ן דאס קינד, און ער האט זיך מתרשל געווען און ער האט נישט גע'מל'ט, האט אים דער אייבערשטער געוואלט הרג'ענען. און צפורה האט געכאפט אז עס איז דא א חרון אף פונעם אייבערשטען אויף דעם, איז זי געגאנגען און זי האט געמאכט דאס ברית. עס איז דא א דיון אין די גמרא (עבודה זרה כז.) צו צפורה האט עס געמאכט, צו זי האט עס איבערגעגעבן פאר א צווייטען, צו משה רבינו האט גומר געווען. אבער על כל פנים די מצוה פון מילה האט מגין געווען אויף משה רבינו.

**די** גמרא (נדרים לא:) שטעלט זיך, ווי קומט עס צו משה רבינו אז ער זאל זיך מתרשל זיין, און נישט מל'ן זיין קינד. די גמרא איז מסביר, אז עס איז א סכנה צו גיין אונטערוועגענס ווען מען מל'ט א קינד, ביז דריי טאג, ביז דאס קינד פארהיילט זיך, און דא דארף מען גיין קיין מצרים. זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין מיט א קינד וואס מען האט געמל'ט, האט ער געטראכט אז ווען ער וועט אנקומען קיין מצרים וועט ער מל'ן דאס קינד. איך האב געטראכט אז עס קען זיין נאך א ענין דערין, פארוואס משה רבינו האט זיך מתרשל געווען, און ער האט נישט גע'מל'ט דאס קינד.

**מען** ווייסט אז עס איז דא א גרויסע מחלוקת אין די פוסקים, ווען א מענטש האט פאר זיך צוויי ברירות, אדער זריזין מקדימין למצוות, אדער א מצוה מן המובחר, וואס ער זאל טון. ער קען טון א מצוה תיכף אינדערפרי ווען ער שטייט אויף, זריזין מקדימין למצוות, מען דארף זיך מקדים זיין צו טון א מצוה ווי פריער. ער קען טון די מצוה תיכף, אבער נאר אויף א פשוטע וועג, עס וועט נישט זיין א מצוה מן המובחר. כדי ער זאל מקיים זיין די מצוה מן המובחר, מוז ער ווארטען א שעה צוויי דריי, דעמאלטס וועט ער קענען טון די מצוה מן המובחר. וואס איז חשובער, צו זאל ער עס מקיים זיין תיכף, אפילו עס איז נאר א פשוטע מצוה. צו זאל ער מוותר זיין אויף זריזין מקדימין למצות, און ער זאל טון א מצוה מן המובחר. עס איז דא א מחלוקת הפוסקים דערין, אטייל זאגן אזוי און אטייל זאגן אזוי (עיין **במגן אברהם** הל' תפלין סימן כ"ה סק"ב).

**עס** איז באקאנט אז עס איז געווען א גדול וואס האט געהייסן **רבי לייבל'ע איגר זצ"ל**, א אייניקל פון **רבי עקיבא איגר זצ"ל**, ער איז געווען שפעטער א רבי פאר יודען, און ער האט זייער מאריך געווען מיטן דאווענען. און ווען מען האט אים מכבד געווען צו זיין סנדק, איז אויסגעקומען די ברית שפעט נאכמיטאג. עס האט גענומען צייט ביז ער האט

געענדיגט דאס דאווענען, און ער זאל זיך קענען צוגרייטען דערצו. און אזוי ווי עס איז געווען אסאך מתנגדים אין זיין געגנט, האט מען ארויסגעגעבן א קול קורא אונטערגעשריבן פון תלמידי חכמים, אז מען טאר אים נישט מכבד זיין צו זיין סנדק, ווייל זריזין מקדימין למצוות, א ברית דארף מען מאכן צופרי. רבי לייבל'ע איגר האט געשריבן בריוון פאר גדולי ישראל אז מען זאל מברר זיין דעם ענין, ער האט געשיקט א בריוו פאר **רבי שמעון סופר זצ"ל,** דער קראקא רב, א זון פונעם **חתם סופר זי"ע,** און אלע האבן געגעבן גערעכט פאר רבי לייבל'ע איגר אז מען קען אים מכבד זיין מיט סנדקאות, און מען זאל פארקוקען אויף זריזין מקדימין למצוות, כדי מען זאל האבן די זכיה אז ער זאל זיין סנדק. א מצוה מן המובחר קומט פריער פון זריזין מקדימין למצוות.

**רבי שמעון סופר** אין זיין בריוו (שנדפס **באגרות סופרים** מכתב כ"ג) ברענגט צו א מדרש (במדב"ר יא-ג), אז ווען יודען זענען געווען אין מצרים האט מען זיך נישט גע'מל'ט, און מען האט נישט געקענט עסן פונעם קרבן פסח ביז מען מל'ט זיך, האבן זיך אלע יודען גע'מל'ט. און עס שטייט אין מדרש, אז משה רבינו איז געווען דער מוהל, און אהרן האט געמאכט די פריעה, און יהושע האט געמאכט די מציצה. שרייבט ער, אז מען האט דאך געדארפט מל'ן טויזנטער יודען, און אלעס האבן געמאכט די דריי מענטשען. פארוואס האט מען נישט מכבד געווען שבט לוי, זיי זענען געווען גע'מל'ט, ווייל זיי האבן גע'מל'ט זייערע קינדער, זאלן זיי אויך מל'ן יודען, זריזין מקדימין למצוות. אזוי האט מען דאך געדארפט ווארטען שעות ביז מען האט אים גע'מל'ט. איז א ראיה דערפון, אז כדי משה רבינו זאל זיין מוהל, און אהרן זאל זיין דער פורע, און יהושע זאל מאכן מציצה, איז עס חשובער, אפילו מען וועט אפשטופן די ברית אויף שפעטער.

**ניתן** להאמר, אז משה רבינו האט געדארפט מל'ן דאס קינד, און ער דארף מל'ן זיין קינד אין מדין. און ער האט נישט דארט א געהעריגע סנדק פאר דעם קינד. וועם וועט ער מכבד זיין אין מדין מיט סנדקאות, זיין שווער יתרו?! עס איז נאך געווען בעפאר ער האט זיך מגייר געווען, און קיין אנדערער יוד איז נישט געווען דארט. אבער אז ער וועט גיין קיין מצרים, וועט ער קענען מכבד זיין אהרן הכהן, אז ער זאל זיין דער סנדק. אהרן איז געווען א נביא אין כלל ישראל, א פעטער פארן קינד, וועט ער אים מכבד זיין. און משה רבינו האט געהאלטן, אז מצוה מן המובחר קומט פריער פון זריזין מקדימין למצות. ווי איידער ער זאל מל'ן דאס קינד דא אין מדין, אן האבן א געהעריגן סנדק, וועט ער ענדערש אוועקטראגן די ברית קיין מצרים, און דארט וועט ער קענען מכבד זיין אהרן הכהן. א מצוה מן המובחר קומט פריער פון זריזין מקדימין למצוות. איז נישט ווייל משה רבינו האט זיך ח"ו מתרשל געווען אין מילה, האט ער אים נישט גע'מל'ט. נאר ער האט געהאלטן אז מדין איז נישט דער פלאץ ווי ער קען אים מל'ן. אויב ער דארף ממילא צוריקגיין קיין מצרים, וועט ער אפשטופן דעם ברית אויף שפעטער, כדי ער זאל קענען נעמען אזא אדם גדול ווי אהרן, אז ער זאל קענען זיין דער סנדק.

**לו** יהא אז מען זאל זאגן אז זריזין מקדימין למצוות, קומט נאך אלץ פריער. ווען א מענטש האט פאר זיך זריזין מקדימין למצוות, און א מצוה מן המובחר, זאל ער טון א זאך תיכף, און ער זאל נישט קוקן אויף א מצוה מן המובחר. ניתן להאמר, אז אויף אזא פאל, איז יעדער מודה אז מצוה מן המובחר קומט קודם פון זריזין מקדימין למצוות. מען פארציילט נאך אויפן **חזון איש זצ"ל**, אז א יוד האט אים אמאל מכבד געווען צו זיין סנדק ביי זיין קינד, דער טאטע אדער דער שווער פון דעם בעל ברית וועלן נישט זיין ביים ברית, און דער חזון איש האט אנגענומען די סנדקאות. נאכדעם האט זיך אבער געמאכט אז דער טאטע אדער דער שווער איז געקומען צו פארן צום ברית, איז ער געווען אין א פארלעגענהייט. ער האט געוואלט מכבד זיין, זיין טאטע אדער זיין שווער זאל זיין דער סנדק, אבער ער האט שוין מכבד געווען דעם **חזון איש** מיט סנדקאות. איז ער אריבערגעגאנגען צום **חזון איש**, און ער האט אים פארציילט, אז ער האט מכבד געווען דעם רבי'ן מיט סנדקאות, אבער אינמיטן האט זיך געמאכט אז מיין טאטע אדער מיין שווער זענען אנגעקומען, און ער טראכט, אז אפשר פאסט, אז ער זאל איבערגעבן סנדקאות פארן זיידען, און דער **חזון איש** זאל מוחל זיין אויפן סנדקאות. האט דער **חזון איש** געזאגט, איך בין מוחל, אבער דו דארפסט פרעגן דאס קינד, צו דאס קינד איז מוחל. **עס איז דאך די טובה פונעם קינד אז ער זאל האבן א ערליכען סנדק**, מיין פערזענליכען כבוד בין איך

מוותר, אבער דו דארפסט פרעגן דאס קינד צו ער איז אויך מסכים אז מען זאל מיך טוישן, און נעמען דעם טאטן פאר סנדק (הובא **במעשה איש** ח"ב דף קכב).

**ווען** א מענטש דארף טון א זריזין מקדימין למצוות, און ער קען טון די מצוה בעסער, ער האט א מצוה מן המובחר, קען מען זיך דינגען, אז עס קען זיין אז זריזין מקדימין קומט פריער פון א מצוה מן המובחר. דאס איז אלעס ווען עס איז נוגע פאר דיר, אבער ווען עס איז נוגע צו א מצוה מן המובחר וואס איז נוגע פאר דעם קינד'ס לעבן, אז דאס קינד זאל האבן א ערליכען סנדק, וואס א סנדק האט א השפעה אויפן קינד, ווי אזוי ער זאל אויסוואקסן שפעטער. די ערשטע מצוה, ווען ער גייט אריין בבריתו של אברהם אבינו, זאל ער האבן אזא סנדק ווי אהרן הכהן, איז דיין זריזין מקדימין למצוות נאכנישט געגוג שטארק, אז עס זאל אוועקנעמען פון א קינד זיין חשיבות וואס ער קען האבן, ווען ער וועט האבן א סנדק אזוי ווי אהרן הכהן. האט משה רבינו געהאלטן אז בכל אופן, ווי אזוי מען זאל לערנען, קומט זיך אז ער זאל ווארטען מיטן ברית, ביז ער וועט אנקומען קיין מצרים, און מכבד זיין אהרן.

**איז** דאך לכאורה משה רבינו גערעכט געווען, פארוואס איז טאקע געווען ויפגשהו ה' ויבקש המיתו, פארוואס האט אים דער אייבערשטער געוואלט הרג'ענען. נאר דער אמת איז נישט אזוי, אמת משה רבינו איז געווען דער איש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), און משה רבינו האט געהאלטן אז ער איז נישט ראוי, און עס איז נישט דא וועם מכבד צו זיין דא, און אויף אהרן הכהן האט ער ארויפגעקוקט, אז ער זאל זיין דער סנדק. אבער מיר וויסען דאך, אז משה מיט אהרן זענען געווען שקולים (שהש"ר ד-ה), ביים אייבערשטען זענען משה מיט אהרן געווען אויף די זעלבע מדריגה. אהרן האט נישט געהאט קיין שום מדריגה מער פון משה רבינו, זיי זענען געווען שקול. איינמאל שטייט משה פריער, און איינמאל שטייט אהרן פריער, ווי רש"י (במדבר ו-כו) זאגט. קומט אויס, אז ווען ער וועט מל'ן אין מדין, און משה רבינו וועט זיין דער סנדק מיטן מוהל צוזאמען, קען געשעהן די זעלבע מצוה מן המובחר אין מדין, און מען דארף נישט צו דעם אנקומען צו גיין קיין מצרים, כדי אהרן זאל קענען זיין דער סנדק. קומט אויס, אז ער האט גארנישט אויפגעטון מיט דעם וואס ער גייט קיין מצרים, עס איז נישט דא קיין מצוה מן המובחר ביי אהרן מער ווי ביי דיר, ווייל דו ביסט אויך אזוי שקול ווי אהרן. און דא אז דו וועסט מאכן דעם ברית וועט זיין זריזין מקדימין למצוות, וועגן דעם איז געווען א תביעה פונעם אייבערשטען אויף משה רבינו, ויבקש המיתו.

**ענוה** ווערט אנגערופן 'רגל', עקב ענוה יראת ה' (משלי כב-ד), ער רופט אן ענוה, אז דאס איז עקב. צפורה האט געזעהן אז דא איז דא א מדת הדין וואס איז מתוח אויף משה רבינו אויף דעם וואס ער האט נישט גע'מל'ט דאס קינד פריער. זריזין מקדימין למצוות, ער וואלט געדארפט מל'ן דאס קינד תיכף. וסביביו נשערה מאד (תהלים נ-ג), ביי אזא גרויסען מענטש ווי משה רבינו איז אפילו א קלייניגקייט אויך דא א עונש. האט זי געוואלט פארענטפערן, אז דאס וואס משה רבינו האט נישט גע'מל'ט דאס קינד, איז נישט געווען ווייל ער האט זיך מתרשל געווען אין די מצוה, נאר עס איז געווען אלץ די ענוה פון משה רבינו. ער האט געהאלטן אז ער איז נישט ראוי אז ער זאל זיין דער סנדק, האט ער עס געוואלט אוועקגעבן פאר אהרן. און עס איז א מצוה מן המובחר, אז ער זאל אזוי טון. ותקח צפורה צור ותכרת את ערלת בנה, זי האט גענומען א צור, און זי האט גע'מל'ט דאס קינד, ותגע לרגליו, און זי האט צוגערירט די ערלה צו די ענוה פון משה רבינו. זי האט צוגעברענגט די ערלה, צו ווייזען אז די ענוה פון משה רבינו, דאס איז געווען די סיבה, פארוואס ער האט נישט גע'מל'ט ביז יעצט. און נישט ווייל ער האט זיך מתרשל געווען אין די מצוה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן, אז מיין איידעם האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. עס איז געווען זריזין מקדימין למצוות, מען האט געדאווענט פרי, און ב"ה דאס קינד האט געהאט אזא חשובן סנדק ווי דער מחותן, וואס עס איז פקיע שמיה זיין תורה און זיין עבודת ה'. [איך גיי נישט איבערזאגן אלע ווערטער וואס ער האט פריער געזאגט, מום שבך אל תאמר לחברך, די אלע ווערטער פאסן מער אויפן מחותן ווי אויף מיר], איז אוודאי אז עס וועט עושה רושם זיין אויפן קינד. דאס קינד הייסט נאך זיין פאטער, וואס איז געווען א אדם גדול מאד, א אמת'דיגער ערליכער יוד, א

תלמיד חכם מופלג. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דאס קינד זאל ווייטער נתגדל ווערן אויף דעם וועג. וכשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מיט אלע פשטים וואס דער מחותן האט פריער געזאגט. און פאר ענק אלע זאל דער אייבערשטער געבן שמחות אין ענקערע שטובער. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

*

***יום חמישי פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר השיעורים עברו תלמידי הישיבות לפני **רבינו שליט"א** לאחל ברכת מזל טוב לרגל הולדת הנכד למזל טוב, בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי **באור החיים הק'**.

*

***שבת קודש פרשת שמות***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל התניא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ד טבת). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בסעודת רעוא דרעוין השמיע **רבינו שליט"א** בסיום דבריו דברי מוסר והתעוררות לימי השובבי"ם, במעלת התפלה ותשובה לתיקון המעשים.

***וזה תוכן הדברים:***

**א** יוד דארף שטענדיג מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען אויף אלע זיינע צרכים. אויף גשמיות איז אפגערעדט אז א יוד דארף מתפלל זיין, און בעטן אויף אלעם וואס ער דארף. יעדע קליינינקייט, זאל ער זיך נישט צוריקהאלטן פון בעטן, און מתפלל זיין. עס שטייט אין **רמב"ן** (בפרשתנו ד-י), א מוסר השכל, דער הייליגער **רמב"ן** זאגט, אז משה רבינו איז געווען א כבד פה, ער האט נישט געקענט רעדן, און דער אייבערשטער האט אים נישט אויסגעהיילט. משה רבינו דינגט זיך, אז ער קען נישט גיין צו פרעה, ווייל ער איז א כבד פה, זאל דער אייבערשטער מאכן אז ער זאל ווערן אויס כבד פה. זאגט דער הייליגער **רמב"ן**, דער אייבערשטער האט עס נישט צוגענומען פון אים, ווייל משה רבינו האט נישט מתפלל געווען דערויף. משה רבינו האט געהאט א סיבה פארוואס ער האט נישט געוואלט מתפלל זיין, ווייל ער האט נישט געוואלט גיין, ער האט געקענט באשטיין ער זאל נישט ווערן אויסגעהיילט, האט ער נישט מתפלל געווען דערויף. **און אז מען איז נישט מתפלל, גיט נישט דער אייבערשטער.** כאטש ער דארף זיין א שליח פונעם אייבערשטען, ער זאל ארויסנעמען יודען פון מצרים, און אז ער וועט קענען גוט רעדן, וועט עס אין דרך הטבע העלפן, האט אים דער אייבערשטער געלאזט א כבד פה, ווייל מען דארף מתפלל זיין. אז מען בעהט נישט, גיט נישט דער אייבערשטער. דאס איז די געוואלדיגע כח וואס איז דא אין תפלה.

**תפלה איז נישט נאר פאר גשמיות, אויף רוחניות דארף מען אויך תפלה. אז מען זאל זוכה זיין צו תורה, זיך קענען פירן ערליך, אז מען זאל קענען מגדל זיין קינדער ערליך, אויף אלעם דארף מען תפלה, אויף אלעם דארף מען בעטן.** אין הייליגע ספרים שטייט, הלכתא בעי צילותא (עירובין סה.), דער פשוטער פשט איז, אז מען דארף האבן רואיגקייט, אז מען זאל קענען לערנען. צילותא איז אויך טייטש דאווענען. הלכתא, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, בעי צלותא, דארף מען מתפלל זיין, און בעטן. זאגן ערליך ברכת התורה, און אהבה רבה, און שטענדיג מתפלל זיין צום אייבערשטען אויף תורה, און אויף ערליכקייט.

**מען לעבט אין אזא דור וואס איז ותמלא הארץ אותם** (שמות א-ז), **די טומאה איז אזוי גרויס. עס איז קיינמאל נישט געווען אזא טומאה אויף די וועלט, ווי עס איז היינט. יעדע ריר, וואו מען גייט, וואו מען שטייט, איז אלעס אנגעפילט מיט טומאה. די טומאה קומט אריין צו יעדן איינעם אינעם שטוב, עס איז היינט דא, אז די**

**גאנצע וועלט קען מען האבן ביי זיך אינדערהיים. מען דארף נישט ארויסגיין אויף די גאס, מען דארף זיך נישט דרייען אין ערגעץ, אין זיין שטוב אליין, קען זיך געפונען די ערגסטע טומאה. און מען דארף מתפלל זיין, מען ווערט ליידער נמשך אחר רעיו, יענער האט די כלי, האט ער אויך. אז יענער מעג, מעג איך אויך האבן. איינס ברענגט דאס אנדערע, און עס פילט אן דעם מענטש.** נאכדעם נעמט א לאנגע צייט ביז מען קען ארויסנעמען די טומאה פון זיך, וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים (שמות יג-יח), אפילו ווען עס קומט די גאולה, און מען דארף ווערן אויסגעלייזט, **פון זיך אליין ווערט מען נישט קיין ערליכער יוד. אויף דעם דארף מען ארבעטן, און הארעווען דערויף, אז מען זאל קענען ארויסנעמען די טומאה. און אויף דעם דארף מען תפלה, בעטן פונעם אייבערשטען אויף סייעתא דשמיא, אז מען זאל האבן די כוחות הנפש, אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין.**

**מען** דארף מתפלל זיין אויף דעם ענין פון תשובה. עס איז א ברכה אין די שמונה עשרה, השיבנו אבינו לתורתך, וקרבנו מלכנו לעבודתך. מי יאמר זכיתי לבי, יעדער ווייסט די פראבלעמען, יעדער ווייסט ווי אזוי מען זעהט אויס, **קיינער וויל נישט אוועקגיין פון די וועלט אן תשובה, מען דארף מתפלל זיין דערויף, דער באשעפער זאל חונן דעת זיין, אז די תשובה זאל נישט זיין אבי געזאגט איך האב חרטה. פאר יעדן איינעם טוט ווי' נאכדעם וואס ער איז אדורכגעגאנגען די תאוה, פארוואס ער איז אדורכגעפאלען, דאס מיינט נאכנישט קיין תשובה.**

**ביז עס איז נישט דא קיין קבלה אויף להבא, ביז ער וועט זיך נישט פארנעמען ווי אזוי ער וועט זיך פירן ווייטער.** אויף דעם דארף מען האבן סייעתא דשמיא, און תפלה האט א געוואלדיגע כח.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען דאווענען און בעטן פונעם אייבערשטען. עס איז טעג וואס כלל ישראל איז עוסק איז אמירת תהלים און תפלות, מען איז מתפלל און מען בעהט פונעם אייבערשטען, אז מיר זאלן קענען נאנט ווערן צוריק צום באשעפער. מען דארף מתפלל זיין אויף די גאולה, מען געפונט אין די פרשה די וואך, אז ווען די יודען האבן מתפלל געווען אויף די גאולה, דעמאלטס איז אפילו עס איז הסנה בוער באש, והסנה איננו אוכל. אין וואס פאר א מדריגה יודען זענען, אפילו זיי זענען נידונין לדורי דורות אין גיהנם, פון דעסטוועגן דאך, עמו אנכי בצרה, איז דער אייבערשטער דארט, און אז מען איז מתפלל העלפט דער אייבערשטער. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל נתקבל ווערן אלע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלן דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם פאלל** הי"ו שהתקיים באולם סקווירא.